при поддержке

# ИДИШСКИЙ ФОЛК-АВАНГАРД

## НОВАЯ ИНТЕРПРЕТАЦИЯ СТИХОВ МАНИ ЛЕЙБА

לידער
און
באַלאַדן

Лекция-концерт

**Евгения Лопатник** (Харьков)

**Группа «Лакоча»** (Москва)

Фольклорист и переводчик **Валерий Дымшиц** (Санкт-Петербург)

Москва
февраль 2015 г.
проект «Эшколот»
www.eshkolot.ru

# Oy, meydl, meydl! (Ой, девушка, девушка)[1]

אוי, מיידעל, מיידעל,
טרוי ניט דעם אינגעל,
נעהם ניט זיין גאלדענעם
טהייערען רינגעל.

פאלש איז דאס אינגעל,
וועט דיך פארגעסען,
וועט זיך דאס גאלדענע
רינגעל פארלעשען.

וועט זיך פארלעשען,
שווארץ וועט עס ווערען,
פון דיינע זודיגע
מיי־עלשע טרעהרען.

Ой, девушка, девушка,
Не верь юноше,
Не бери его золотого,
Дорого колечка.

Лжив этот юноша,
Он тебя забудет,
И золотое
Колечко потускнеет.

Потускнеет,
Почернеет
От твоих жгучих
Девичьих слез.

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

[1] Переводы всех стихотворений с идиша Валерия Дымшица.

# Oy, kalenyu! (Ой, невестушка)

אוי, כּלה'ניו לעבען
אַ זון און אַ רעגען אַ גאָלדענער שפּריצט,
ביים אָפענעם פענסטער די כּלה'ניו זיצט:
געפּוצט ניט אין זיידענס, אין גאָלד ניט געקרוינט,
זי קוקט אויפ'ן רעגען, זי זיצט און זי וויינט.

— אוי כּלה'ניו לעבען, וואָס וויינסטו אזוי?
— ווי זאָל איך ניט וויינען, דאָס הארץ טהוט מיר וועה:
אוועק איז מיין חתן, אוועק איז מיין גליק,
געזאָלט האָט ער קומען און קומט ניט צוריק.

— אוי כּלה'ניו לעבען, אומזיסט איז דיין שרעק, —
אַז קומט דאָך דיין חתן, דאָרט שטויבט זיך דער וועג...
— דאָרט איז ניט מיין חתן, דאָס קומט ניט מיין פּרייד,
דאָרט שטויבט זיך דער וועג, ווייל די טשערעדע געהט.

— אוי כּלה'ניו לעבען, דו זעהסט ניט אליין,
אַז דאָרט אויפ'ן בערגעל דיין חתן טוט געהן...
— דאָס איז ניט מיין חתן, דאָס איז ניט מיין פּרייד,
דאָס דאָרט אויפ'ן בערגעל אַ ביימעלע שטעהט...

— אוי כּלה'ניו לעבען, ווי זעהסט דאָס ניט גלייך,
דאָרט קומט דאָך דיין חתן פון יענער זייט טייך
און גאָלד און בריליאנטען פון זיבען קאָליער,
דאָרט טראָגט ער די כּלה מתּנות פאַר דיר...

— ניט גאָלד און בריליאנטען פון זיבען קאָליער,
ניט כּלה מתּנות דאָס טראָגט צו מיר:
אויף יענער זייט טייך, אין דער ווייט און דער ברייט,
האָט דער רעגענבויגען זיך ליכטיג פאַרשפּרייט...

א זון און דער אווענד... א טהויעלע שפריצט,
ביים אפענעם פענסטער די כלה'ניו זיצט;
געפוצט ניט אין זיידענס, אין גאלד ניט געקרוינט.
זי ווארט אויף איהר חתן, זי זיצט און זי וויינט...

## Ой, дорогая невеста

Солнце, и брызжет золотой дождь,
У открытого окна сидит невестушка,
Она не убрана в шелка, не увенчана золотом,
Она смотрит на дождь, она сидит и плачет.

– Ой, дорогая невестушка, что же ты так плачешь?
– Как же мне не плакать, болит мое сердце;
Пропал мой жених, пропало мое счастье,
Он должен был прийти, но он не вернулся.

– Ой, дорогая невестушка, напрасен твой страх –
Вот уже идет к тебе твой жених, пыль вздымается на дороге…
– Там не мой жених, это не моя радость идет,
Там вздымается на дороге пыль, потому что идет стадо.

– Ой, дорогая невестушка, разве ты сама не видишь,
Что там по холму идет твой жених…
– Это не мой жених, это не моя радость,
Там на холме стоит деревце.

– Ой, дорогая невестушка, как же ты сама ясно не видишь,
Там уже идет к тебе твой жених с того берега реки,
И золота и семицветные бриллианты
Несет он как свадебные подарки для тебя…

– Не золото, и не семицветные бриллианты,
И не свадебные подарки несет он для меня…
На том берегу реки вдаль и вширь
Радуга простерлась светло…

Солнце и вечер… Брызнула росинка,
У открытого окна сидит невестушка,
Она не убрана в шелка, не увенчана золотом,
Она ждет своего жениха, она сидит и плачет…

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Ovnt mayner, ovnt (Вечер мой, вечер)

אָוונט־ליד

אָוונט מיינער, אָוונט...
ווי אַ וואַנדערער אין שטויב
מיט אַ תּפֿילה און מיט לויב,
מיט זיין שטעקן אין דער האַנט,
קערט צוריק זיך צו זיין לאַנד, —
ווי די קו ביים לעצטן שטראַל
קומט פֿון פֿעלד צוריק אין שטאַל, —
אָוונט מיינער, אָוונט...
פֿון דעם לאַנגן טאָג אַ מידער
צו דיין שטילקייט פֿאַל איך צו,
אין דיין שטילקייט איז מיין רו.
וויגסט מיך אין דיין שטילקייט איין
ביים לבנה־ווייסן שיין
ביז אין בלויען טאָג אַריין.
אָוונט מיינער, אָוונט...

## Вечерняя песня

Вечер мой, вечер…
Как странник в пыли
С молитвой и с хвалой,
Со своей палкой в руке,
Возвращается в свою страну, –
Как корова с последним лучом
Возвращается с поля в стойло, –
Вечер мой, вечер…
Утомленный длинным днем,
Я припадаю к твоей тишине,
В твоей тишине мой покой.
Убаюкай меня в твоей тишине
Под лунно-белым сиянием
До голубого дня.
Вечер мой, вечер…

*1909*

# Bam taykh (У реки)

**ביים טייך**

אויף יענעם זייט טייך איז די זון שוין פארגאנגען,
אויף יענעם טייך איז א מיידעל געגאנגען,
מיט בענקשאפט אין הארצען און טרעהרען אין בליק,
צו זוכען איהר מיידעלשען גליק.

און בלימעלאך בלויענקע זיבען זיבען מאל זיבען
האט זיי ביי דעם שיין פון לבנה געקליבען,
און האט מיט'ן שטראם זיי געלאזען אין טייך:
— שווימט גלייך, מיינע בלימעלאך, גלייך!

שווימט גלייך, ווייט אהין, וואו די וואסערלאך רינען,
מסתמא מיין גליק וועט איהר דארטען געפינען,
און אז איהר וועט דארטען געפינען מיין גליק —
שווימט, בלימעלאך, גיכער צוריק!

За рекой уже зашло солнце,
За рекой шла девушка
С тоской в сердце и со слезами во взоре
Искать свое девичье счастье.

И синеньких цветочков семь раз по семь
Она собрала под сияньем луны,
И отпустила их по течению реки:
– Плывите прямо, мои цветочки, плывите прямо!

Плывите прямо, далеко, туда, куда бежит вода,
Может быть, там отыщите мое счастье,
А если там вы отыщите мое счастье –
Плывите, цветочки, скорей обратно!

Ночь затянула реку туманом.
У реки, склонившись, стояла девушка,
И долго-долго смотрела в воду,
И тяжко поводила плечами…

Вода бежала, бежала…
Цветочков никто в ней не нашел,
Ни один цветочек не вернулся.
Плачь, девушка, нет у тебя счастья!

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Brivele (Письмецо)

שרייב איך דיר א בריוועלע
אין דעם ווייטען לאנד,
שרייב איך דיר א בריוועלע,
ציטערט מיר מיין האנד,

שווארצענקע ווערטערלאך,
ווייסינקער פאפיער,
און די טרעהרען פינסטערע
גיס איך אהן א שיער.

קלעפ איך צו דאס בריוועלע.
שיק איך עס אוועק ;
שווים זיך, שווים זיך, בריוועלע,
אין דעם ווייטען וועג.

ווארט איך אויף דיין בריוועלע
איז מיר זעהר שלעכט,
עס איך ניט און טרינק איך ניט,
שלאף איך ניט קיין נעכט.

נעהמען זיך גאר ניט די הענט
עפעס וואס צו טאהן,
רק איך ווארט ביים טויער׳ל
אויפ׳ן פאסטאליאן.

ברענגט ער מיר א בריוועלע
פון דעם ווייטען לאנד,
עפען איך דאס בריוועלע
ציטערט מיר מיין האנד.

שווארצינקע וועחטערלאך,
ווייסינקער פאפיער,
און די טרעהרען פינסטערע
גיס איך אהן א שיער.

## Пишу я тебе письмецо…

Пишу я тебе письмецо
В далекую страну,
Пишу я тебе письмецо,
Дрожит моя рука.

Черненькие словечки,
Беленькая бумага,
И слезы мрачные
Лью я без конца.

Запечатываю я письмецо,
Отсылаю его:
Плыви, плыви, письмецо
В дальний путь.

Я жду твоего письмеца,
Мне очень плохо.
Я не ем и я не пью,
Я не сплю ночами.

Руки не берут ничего,
Что можно бы делать
(Все валится из рук);
Я только у калитки жду
Почтальона.

Приносит он мне письмецо
Из далекой страны;
Я открываю это письмецо,
Дрожит моя рука.

Черненькие словечки,
Беленькая бумага,
И слезы мрачные
Лью я без конца.

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Trog zikh, pave! (Мчись, пава!)

טראָג זיך, טראָגט זיך, פּאַווע,
איבער ווייטע ים׳ען,
ברייננ פון מיר געריםען

צו מיין ליעבער מאַמען.

ברייננ ניט צו מיין מאַמען
פון מיר קיין געריםען,
בעסער פון מיין מזל
זאָל זי גאָר ניט וויסען.

ווערט מיין מאַמע וויסען,
וואָס מיר האָט געטראָפּען, —
וועט זי אין גרוים וועהטאָג
גאַנצע נעכט ניט שלאָפען.

גאַנצע טעג ניט שלאָפען,
גאַנצע טעג ניט עסען,
און איהר גרויסען וועהטאָג
מיט די טרערען לעשען.

וועלען טרערען לעשען
נאָר איהר ליעבען פּנים:
וועלען פון איהר לאַכען
איהרע בייזע שונאים.

Мчись, мчись, пава,
За далекие моря,
Отнеси от меня приветы
Моей любимой маме.

Не неси моей маме
От меня никаких приветов,
Пусть уж лучше о моей доле
Она ничего не знает.

Если моя мама узнает,
О том, что со мной случилось,
Она от большой боли
Всю ночь не будет спать.

Всю ночь не будет спать,
Весь день не будет есть,
А будет свою большую боль
Гасить слезами.

Будут слезы гасить боль,
Будут старить ее лицо,
Будут над ней смеяться
Ее злые враги.

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Lyulin’ke, mayn yingele (Баюшки, мой мальчик)

ליולינקע, מיין אינגעלע...
טיר און פענסטער צוגעשלאָסען
און דאָס לעמפּעל אויסגעלאָשען, —
ליולינקע מיין אינגעלע.

שטיל און פינסטער איז אין חדר.
— אוי ! ווער שאַרט עס דאָרט כסדר ?
ליולינקע, מיין אינגעלע,

ס׳שאַרט אַ מייזעל אין די ספרים.
— קומען מתים פון די קברים ?
ליולינקע, מיין אינגעלע,

אויף די קברים וואַקסען בלומען.
— וועט די מאַמע מעהר ניט קומען ?
ליולינקע מיין אינגעלע...

לייטער איהר נשמה, בורא !
— טאַטע, טאַטע ! איך האָב מורא !
ליולינקע מיין אינגעלע,

כ׳וועל דיך היטען ווי די מאַמע,
וועל דיך היטען ווי די מאַמע.
ליולינקע מיין אינגעלע !

## Колыбельная

Баюшки, мой мальчик,
Ветер со своего света
Окружил
Наш тихий шатер.

Ветер, чего ты хочешь
От сна моего дитяти?
Пойди в мои дворы,
Возьми лучшую овцу.

Чтобы не сглазить,
В глубокой ночи
Спят мои овцы
Сладким сном
Спят мои собаки,
Не слышат ветра

Баюшки, мой мальчик,
Баюшки, мой страх!
Ветер – не прогнать его,
Не уходит он прочь.

Ветер, чего ты хочешь
От покоя моего дитяти?
Возьми мою песенку,
Баюшки-баю!

Чтобы не сглазить,
В долгой ночи
Сижу я здесь час за часом
С моей песенкой.
Баюкаю я, баюкаю мое дитя так,
Как я баюкаю ветер.

Баюшки, мой мальчик,
Баюшки, мое дитя,
За всеми морями
Уже давно спит ветер.

*(Из цикла «Чудо из чудес»)*

## Fli, fli, foygl! (Лети, лети птица)

אַ פֿויגעל איז געפֿלויגען,
פֿאַרפֿלויגען געוואָרען,
און האָט פֿאַר מײַן פֿענסטער
אַ פֿעדער פֿאַרלאָרען.

פֿליה, פֿליה, פֿויגעל,
פֿליה, פֿליה, פֿליה.
אָהן מײַן פֿרײַנד מײַן אײנציגען
מוז איך בלײַבען היע.

אזוי ווי דער פֿויגעל
מײַן פֿרײַנד איז פֿאַרפֿלויגען,
און האָט מיר געלאָזען
אַ טרעהר אין די אויגען.

טריף, טריף, טרעהר מײַנע,
טריף, טריף, טריף.
אַז געדענקען זאָל מײַן פֿרײַנד
ווי מײַן צער איז טיעף.

אוי, נעהם איך דעם פֿעדער
אַ בריוועל צו שרײַבען,
מײַן פֿרײַנד אין דערווײַטען
געטרײַ זאָל מיר בלײַבען.

געה, געה, בריוועלע
געה, געה, געה.
זאָל מײַן פֿרײַנד פֿאַרקלערן זיך
אויף מײַן ווינד און וועה.

## Птица улетела…

Птица улетела,
Улетела,
И около моего окна
Потеряла перо.

Лети, лети птица,
Лети, лети птица,
Без моего друга, моего единственного,
Должна я здесь быть.

Как эта птица,
Улетел мой друг
И мне оставил
Слезу в глазах.

Капай, капай, слеза моя,
Капай, капай, капай,
Чтобы помнил мой друг,
Как глубоко мое горе.

Ой, возьму я перо,
Чтобы написать письмо,
Мой друг вдали
Должен мне остаться верен.

Иди, иди, письмо мое,
Иди, иди, иди,
Чтобы мой друг понял
Мою кручину.

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Kh’zits baym fenster zikh (Я сижу у окна)

כ׳זיץ ביים פענסטער זיך
קוק אין נאס ארוים,
ווי דער ווייסער שניי
שפרייט זיך ליכטיג אוים,
ווי עס טראגען זיך
שליטענס, הער און הין :
גלעקלאך, גלעקעלאך
זינגען : דין דין דין.
מענשען קומען און
געהען דורך פערביי,
געהען דורך פארביי
אזוי פריש און פריי...
און די וועגען ווייט
ליגען אויסגעשפרייט,
ליגען אויסגעשפרייט,
ליגען אויסגעשנייט, —
און מיין עלענד האט
מיך ארייננגענארט
אין די ענגע ווענט :
אין די ענגע ווענט
מיך ארייננגעשפארט.

Я сижу у окна,
Гляжу на улицу,
Как белый снег
Расстилается светло.
Сани туда-сюда:
Колокольчики, колокольчики
Поют дин-дин-дин.
Люди приходят,

Проходят мимо
Проходят мимо
Такие бодрые и веселые…
И далекие пути
Простерлись,
Простерлись,
Простерлись.
А мое одиночество
Меня одурачило
В узких стенах:
В узкие стены
Меня заключило.

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Ikh her gelibte dayne trern
# (Я слышу, любимая, твой плач)

— אױ, איך הער, געליעבטע, דײנע טרערען,
אבער װי זאָל איך צוריק זיך קעהרען,
אז די װעלדער זײנען פינסטער,
אז די טײכטען זײנען ברײט,
אז די פעלדער דורך די לענדער
ליגען אזױ װײט און גרױס צושפּרײט!

— טראָג זיך, װי דער שפּארבער דורך די װעלדער,
װי דער פוקס א פלינקער דורך די פעלדער,
װי די מעװע אױף די טײכען,
װי דער װינטעל פאר מײן שױב:
פאַל ארונטער אױף מײן הארצען
װי א שעהנע, װי א רײנע טױב.

— אױ, איך בין שױן זיבען טעג געפלױגען,
אין דײן שטוב בין איך ארײנגעפלױגען,
און דו לױפּסט מיר נישט אנטקעגען
זעהען װי איך בין שױן דאָ. —

אוי, א פנים מיין געליעבטע
איז שוין אויף דער ווייסער וועלט ניטא!

—קום, געליעבטער, צו דעם בוים, דעם אלטען,
וואו דו האסט מיך אויף די הענט געהאלטען.
דארטען ליג איך יונג בעגראבען, —
אויף מיין גרוב א גרעזעל גרינט,
און פון דיר געליעבטער מיינער,
רייד איך טאג און נאכט צום פרייען ווינט...

Ой, я слышу, любимая, твой плач,
Но как я могу вернуться,
Ведь леса дремучи,
Ведь реки широки,
Ведь поля повсюду
Лежат, распростершись, вдаль и вширь.

– Промчись, как ястреб, через леса,
Как быстрый лис через поля,
Как чайка над реками,
Как ветерок к моему окну;
Пади на мое сердце,
Как прекрасный, как чистый голубь.

– Ой, я летел семь дней,
В уже влетел в твой дом,
А ты не бежишь мне навстречу,
Видя, что я уже здесь.
Ой, моей любимой, верно,
Уже нет на белом свете!

– Приди, любимый, к дереву, к старому,
У которого ты меня держал за руку.
Там я, молодая, лежу похоронена,
На моей могиле зеленеет травка,
И о тебе, мой любимый,
Я день и ночь говорю вольному ветру…

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Gey ikh nit af kortn varfn (Я не хожу гадать на картах)

גײ איך ניט אויף קאָרטן וואַרפֿן,
קוק ניט אויף די שטערן:
װעלכן מזל אין מײן ליבע
װעט מיר גאָט באַשערן.

אויגן האָב איך פֿלאַם און פֿײַער
פֿון מײן שענער מאַמען. —
היט זיך בחור! מײנע אויגן
װעלן דיך פֿאַרפֿלאַמען.

צעפּ אויך האָב איך פֿון מײן מאַמען
װי די שװאַרצע שלאַנגען, —
װעל איך מיט די צעפּ דיך בחור
האַלטן װי מיט צװאַנגען.

װעסט ניט דרײען זיך אין אָװענד
בײ די פֿרעמדע פּלויטן,
װעסט ניט גײן קײן אַנדער מײדל
צו איר הויז באַגלײטן.

ניט אומזיסט האָב איך גענומען
אונזער גערטל פֿלאַנצן:
ניט אומזיסט צו דײַנע שװעסטער
קום איך זונטיק טאַנצן.

ניט אומזיסט האָב איך געבעטן
דו זאָלסט צו אונדז קומען:
ניט אומזיסט האָב איך דיך בחור
אַזוי ליב באַקומען.

ניט אומזיסט פֿאַרנאַכט אין הימל
גײען אויף די שטערן,
אַז זײ זאָלן באַלד בײם אויפֿגײן
אויסגעלאָשן װערן.

Я не хожу гадать на картах,
Не гляжу на звезды,
Чтобы знать, какое счастье в моей любви
Будет Богом мне суждено.

Глазам у меня огневые и пламенные
От моей красивой мамы. –
Берегись, парень! Мои глаза
Тебя спалят.

Косы у меня тоже от моей мамы,
Как черные змеи.
Я тебя, парень, косами
Буду держать как клещами.

Ты не будешь по вечерам крутиться
У чужих плетней,
Ты не пойдешь к другой девушке
По приглашению в ее дом.

Не зря я возделывала
Наш садик;
Не зря я к твоим сестрам
Хожу танцевать по воскресеньям.

Не зря я просила,
Чтобы ты к нам пришел;
Не зря я тебя, парень,
Так полюбила.

Не зря вечером на небе
Восходят звезды;
Но сразу после своего восхода
Они погаснут.

*(Из сборника «Еврейские и славянские мотивы», 1918)*

# Vunder iber vunder (Чудо из чудес)

## Чудо

Чудо из чудес
Повсюду, во всем!
В нашем хлебе черном,
В нашей белой соли,

И в голубой воде,
Которая утоляет нашу жажду,
И в красном огне,
Который согревает нас своим сиянием,

И в детском смехе,
Который доносится с маминых коленей,
И в маленьких детях,
Которые вырастают большими.

Ой, чудо из чудес,
Чудо без конца!
И все эти чудеса,
Дети, для нас!

*(Из цикла «Чудо из чудес»)*

## וואונדער

וואונדער איבער וואונדער,
אומעטום, אין אַלץ!
אין אונזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונזער ווייסן זאַלץ.

און אין דעם בלויען וואַסער
וואָס שטילט דעם דורשט אונז איין.
און אין דעם רויטן פייער
וואָס וואַרעמט אונז מיט שיין.

און אין דעם קינדס געלעכטער
וואָס הילכט פון מאַמעס שויס,
און אין די קליינע קינדער
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אָי, וואונדער איבער וואונדער
וואונדער אָן אַ שיעור!
און פון די אַלע וואונדער
קינדער, זינגען מיר!




אשכולות
КУЛЬТУРНО-ОБРАЗОВАТЕЛЬНЫЙ ПРОЕКТ
ЭШКОЛОТ
www.eshkolot.ru
при поддержке
אבי חי AVI CHAI